# אייסיס נעמט פאראנטווארטליכקייט פאר פרישע טעראריזם כוואליע

אייסיס האט גענומען פאראנטווארט־ליכקייט פאר א פרישע כוואליע פון טעראריזם וואס האט זיך אנגעהויבן פאריגן פרייטאג מיט אן אטאקע אין שטאקלהאם, שוועדן, און האט פארגעזעצט זונטאג מיט 2 אטאקעס געצילט אויף קריסטליכע קירכעס אין עגיפטן. מ'האט פארשטארקט זיכערהייט באווארענונגען אויך אין א סאך אנדערע לענדער, אבער א סאך מענטשן שפירן זיך אומבאהאלפן, זעענדיג פון די 2 טעראר אינצידענטן ווי עס איז כמעט אוממעגליך פולשטענדיג זיך צו באווארענען קעגן די סארט אטאקעס.

א שוידערליכע אטאקע איז פארגעקומען פרייטאג אין שטאקהאלם, שוועדן, ווען א טעראריסט מיט א מאסקע אויפ'ן פנים האט פארכאפט א טראק וואס האט געליפערט ביר און איז אריינגעפארן מיט'ן טראק אין די מענטשן אין גרעסטן שאפינג צענטער פון די שטאט. די שוידערליכע אטאקע האט פאראורזאכט א מינימום פון 4 טויטע, און עס איז אויך געווען איבער 15 פארוואונדעטע, א סאך פון זיי אין א קריטישן צושטאנד.

די צאל פאטאליטעטן וואלט געווען פיל גרעסער, אבער א העלדישער זיכערהייט וועכטער, סאנטיאגא קועווא, האט געזען ווי דער געהיידזשעקטער טראק יאגט זיך אויף די גאס, און האט געגלויבט אז יענער וויל אריינפארן אין די פארלאמענט געביידע, איז ער אריינגעפארן מיט זיין "ווען" צו פארשטעלן דעם וועג, האט דער טעראריסט געמוזט אויסדרייען זיין טרעקל און האט אנשטאט אריינגעקראכט אין דעם דעפארטמענט סטאר.

קועווא, 27 יאר אלט, האט פאקטיש ריזיקירט מיט זיין אייגענעם לעבן, ווייל דער טעראריסט וואלט דאך געקענט אריינקראכן אין אים אנשטאט אוועק־צודרייען זיך. קועווא האט אבער געזאגט אז דער ערשטער געדאנק וואס איז דורכגעלאפן אין זיין מוח איז געווען צו שיצן די פארלאמענט געביידע וואס איז געווען בלויז 500 מעטער פון דארט, און מ'גלויבט אז ער האט געראטעוועט הונדערטער לעבענס, ווען דער טראק האט זיך געמוזט אוועקדרייען.

דער העלדישער קועווא איז דערנאך ארויסגעשפרונגען און איז צוגעלאפן העלפן




טעראריסט האט פארכאפט א טראק וואס האט געליפערט ביר און איז אריינגעפארן מיט'ן טראק אין די מענטשן אין גרעסטן שאפינג צענטער פון די שטאט




ביי די טויטע און פארוואונדעטע. לויט ווי ער האט געזאגט, האט אויסגעזען ווי דער טעראריסט האט אנגעהויבן צו פאניקן און האט פארלוירן קאנטראל, ווייל זיין טראק האט זיך אנגעהויבן צו וואקלען אהין און צוריק, וואס דאס איז געשען מעגליך ווייל דער טעראריסט האט אראפגענומען זיינע הענט פון דעם רעדל. נאכדעם ווי עס האט אריינגעקראכט אין דעפארטמענט סטאר האט דער טראק אנגעהויבן צו ברענען, און דער טעראריסט איז אנטלאפן.

לויט איין באריכט, האט מען געפונען אויפרייס מאטעריאל אין דעם טראק וואס האט צו מזל נישט אויפגעריסן.

ווען דער טעראריסט איז ארויפגע־שפרונגען פונעם טראק נאכדעם ווי ער האט אריינגעקראכט אין דעם דעפארטמענט סטאר, האט ער פרובירט אויפצורייסן א באמבע אין א טאשקע, אבער עס איז נישט געלונגען. אויך דאס האט פארמיטן א גרעסערע טראגעדיע.

די פאליציי האט ארעסטירט דעם 39 יעריגן ראכמאד אקילאוו, א מוסולמענער אימיגראנט פון אוזבעקיסטאן, וועלכער וואלט פאקטיש געדארפט דעפארטירט ווערן נאכדעם ווי שוועדן האט צוריקגעוויזן זיין אפליקאציע פאר אן ארבעט ערלויבעניש נאך אין 14'!

אקילאוו איז טעטיג געווען אויף די רוסישע "פעיסבוק" ביז 12'. ער האט דארט אויסגעדריקט זיינע חלומות פאר א לעבן פון לוקסוס און שוואוילטאג, ווען ער האט זיך באקלאגט איבער דעם שווערן פינאנציעלן דרוק פון וואס ער ליידט. עס האט אויסגעזען ווי ער פלאגט זיך שטארק מיט פרנסה, ער האט אפילו געוויזן בילדער פון קינדער, ווארשיינליך זיינע קינדער, וואס האלטן בילס אין זייערע הענט.

דער פאנאטיקער האט אויך קריטיקירט רייכע רוסישע ביזנעסלייט וועלכע נוצן אויס ארעמע אומלעגאלע אימיגראנטן. ער האט ארויסגעוויזן קלארע שטיצע און סימפאטיע פאר דזשיהאדיסטן און די ראדיקאלע מוסולמענער. ער פלעגט אפט ווייטער שיקן אייסיס פראפאגאנדע ווידיאס און האט געשטיצט דעם העצערישן קאנאדער מוסולמענער גלח בילאל פיליפס, וועלכער שטיצט זעלבסטמארד באמבארדירונגען.

נאכדעם ווי מ'האט צוריקגעוויזן זיין ארבעט ערלויבעניש אפליקאציע, האט מען גארנישט געטאן מיט אים 2 יאר ביז די שוועדישע אינסטאנצן האבן פאריגן יוני ענדליך באשלאסן אז מ'וועט אים דעפארטירן, אבער ער איז פארשוואונדן. ער האט זיך אויסבאהאלטן און איז געווארן איינער פון די "אונטערערדישע" אומלעגאלע אימיגראנטן וועלכע דרייען זיך ארויס פון די פאליציי, זיי טוען נישט קיין זאכן וואס זאל ציען אויפמערקזאמקייט אויף זיי. עס איז דא ארום 3,000 אזעלכע אומלעגאלע אימיגראנטן אין שטאקהאלם. דער שוועדישער פרעמיער מיניסטער האט נאך די אטאקע פון אקילאוו זייער שארף פארלאנגט אז מ'זאל אנווענדן אלע מיטלען ארויסצואווארפן פון לאנד די אומלעגאלע אויסלענדער.

איבער 160,000 אימיגראנטן האבן געבעטן אזיל רעכט אין שוועדן אין 15', א סאך פון זיי פון סיריע. די גאנצע באפעלקערונג פון שוועדן איז בלויז 10 מיליאן, האבן א סאך שוועדישע בירגער אנגעהויבן שטעלן פראגעס, פארוואס מ'לאזט אריין אזוי פיל פרעמדע מענטשן, וואס עס איז דאך אוממעגליך צו פארמיידן

# פרישע אייסיס אטאקעס:

אז עס זאלן זיך נישט ארײנשווארצן טעראריסטן, און אפילו סתם אזוי, אויב עס קומען אריין אזוי פיל פרעמדע מענטשן פון אן אנדערע קולטור, מוז דאך דאס טוישן דעם כאראקטער פונעם לאנד.

פון וואס האט אקילאוו געלעבט? ער האט געטראפן ארבעט דא און דארט, ביי בוי פירמעס, וואס איז פונקט גענוג געווען פאר אים צו קענען דורכקומען.

שוועדן איז א ליבעראלע מדינה און איז באוואוסט פאר איר גלייכגילטיגן צוגאנג צו אימיגראנטן. איצט האט דער שוועדישער פרעמיער פארשפראכן אז ער וועט טוישן דעם צוגאנג, שוועדן וועט שוין נישט זיין אזא מקום מקלט ארײנצונעמען מאסן אימיגראנטן, און די וואס ווערן צוריקגעוויזן פאר א וויזע זאל מען ווי אמשנעלסטן דעפארטירן.

דער פרעמיער האט אבער באטאנט אז א שליכטונג צו דעם פראבלעם איז געוואנדן אין דעם גאנצן אייראפעאישן פאראיין, נאר אויב אלע אייראפעאישע לענדער איניינעם וועלן אדרעסירן דעם פראבלעם, קען מען עפעס אויפטאן.

אויך האט מען געהערט אז די שוועדישע פאליציי האט געוואוסט פון אקילאוו'ס אייסיס סימפאטיעס שוין א יאר צייט, ווייל מ'האט דאך געזען ווי אזוי ער לויבט אויס אייסיס אויפ'ן אינטערנעט, אבער די פאליציי האט געצילט אויף אנדערע פריאריטעטן ווייל זיי האבן נישט געגלויבט אז ער איז א "הויכע ריזיקע" מעגליכער טעראריסט. זיי האבן אים באצייכנט ווי אן איינפאכן אייסיס סימפאטיקער, וואס פון דעם איז דא א גרויסע צאל אין לאנד.

די פאליציי האט אויך ארעסטירט פאר אויספארשונג 6 אנדערע פארדעכטיגטע, אויך פון אוזבעקער אפשטאם.

זונטאג, זענען 10 פון די פארוואונדעטע נאך אלץ געווען אין שפיטאל, וואס 4 פון זיי האבן געהאט קריטישע וואונדן.

כאטש עס איז געלונגען פאר אקילאוו צו אנטלויפן, האט מען אים אבער ארעסטירט פרייטאג צו נאכטס.

אייסיס האט גענומען פאראנטווארט־ליכקייט פאר די אטאקע.

דער שוועדישער פרעזידענט גוסטאוו האט אין אן עפענטליכן אויפטריט אויפצומארגענס נאך די אטאקע פארדאמט דעם אינצידענט און האט פארשפראכן אז שוועדן וועט ווייטער זיין א פארזיכערט און פרידליך לאנד.

## די אטאקעס אין עגיפטן

זונטאג איז געווען איינע פון די וויכטיגסטע טעג אין דעם קריסטליכן קאלענדאר, ווען זיי הויבן אן זייער חגא וואך וואס ענדיגט זיך קומענדיגן זונטאג מיט פייערליכע צערעמאניעס אין די קירכעס. צוליב דעם האט מען א גרעסערע באטייליגונג ווי געווענליך אין די קירכעס,



**אין אסלא, נארוועגיע, איז יא געלונגען צו פארמיידן א טעראר אטאקע מוצ"ש, ווען די פאליציי - זייענדיג אויף א גרעסערן וואכזאמקייט שטאפל זינט די שטאקהאלם אטאקע - האט געכאפא א 17 יעריגן מוסולמענער פון רוסלאנד מיט א באמבע. מען פארשט זיינע מעגליכע פארבינדונגען מיט טעראריסטן**

איז דאס אויסגענוצט געווארן דורך די טעראריסטן צו פאראורזאכן גרעסערע פארלוסטן.

די ערשטע אטאקע איז פארגעקומען אין די שטאט טאנטא, וואס איז ארום 60 מייל צפון פון די הויפטשטאט קאירא, און איז א שטאט מיט א באדייטענדע קריסטליכע באפעלקערונג. די מידיא האט געוויזן בילדער ווי אזוי די גלחים זענען טעטיג אין די קירכע, מיט די באטייליגונג פונעם קאר און א סאך האבן מיטגעזונגען, ווען פלוצלינג הערט מען א מעכטיגן אויפרייס, נאכגעפאלגט פון געשרייען, קוויטשערייען און געוויינען, און די מידיא האט זאפארט אויסגעלאשן די שוידערליכע בילדער, אז מ'הערט בלויז די געשרייען.

עמיצער האט אונטערגעלייגט א מאכטפולע באמבע אין איינע פון די פאדערשטע רייעס, און די באמבע האט פאראורזאכט א שוידערליכע טראגעדיע ווען עס איז געווען איבער 25 טויטע און איבער 80 פארוואונדעטע וואס א צאל פון זיי וועלן ווארשיינליך נישט איבערלעבן, ווייל די רעדע איז דא פון גאר קריטיש פארוואונדעטע, מענטשן וואס האבן פארלוירן אברים, א.ד.ג.

עטליכע שעה שפעטער איז פארגעקומען א צווייטע אטאקע, ביי די הויפט קירכע אין אלעקסאנדריא, וואו עס האט זיך דאן געפונען אין די געביידע אויך דער קאפטיק פויבסט קאוואדראס, אבער ער איז נישט געשעדיגט געווארן.

ביי דעם צווייטן אינצידענט האט די פאליציי אפגעשטעלט א פארדעכטיגטן ווען ער האט זיך דערנענטערט צו די קירכע, יענער איז טאקע געווען א טעראריסט וואס האט זיך באלד אויפגעריסן. לויט די ערשטע באריכטן איז געווען 11 טויטע, 3 פון זיי פאליסלייט, און איבער 35 זענען פארוואונדעט געווארן.

עגיפטן האט א באפעלקערונג פון 91 מיליאן און ארום 10 פראצענט פון זיי, 9 מיליאן, זענען פון די קאפטיק קריסטליכע סעקטע וואס זיי האבן אפילו אן אייגענעם פויבסט. זיי זענען זייער פארהאסט פון די מוסולמענער עקסטרעמיסטן, אזוי ווי עגיפטן באשטייט הויפטזעכליך פון סוני מוסולמענער. די קאפטיקס זענען אויסגעשטעלט צו רעגלמעסיגע אטאקעס פון זייערע מוסולמענער שכנים וועלכע פארברענען זייער הייזער און קירכעס אין ארעמע דערפישע געגענטער, אבער אייסיס האט אויך אנגעהויבן צילן אויף די קריסטן, איבערהויפט אויף די קאפטן, נאכדעם ווי אייסיס האט זיך אנגעהויבן פארלייגן קעגן די רעליגיעזע מינאריטעטן. 21 עגיפטישע קריסטן וואס האבן געארבעט אין ליביע זענען ברוטאל ערמארדעט געווארן דורך אייסיס רוצחים אין 15', און אייסיס האט דאס פובליצירט אויף ווידיא, אזוי ווי זיי פלעגן זיך פירן מיט פובליצירן זייערע רציחות.

מ'האט פאריגע וואך געטראפן א באמבע אין טאנטא וואס עס איז געלונגען צייטליך צו כאפן און אנטוואפענען. אויך איז פארגעקומען אן אטאקע קעגן א פאליציי מושטירונג צענטער פון וואס איין פאליסמאן איז אומגעקומען און 15 זענען פארוואונדעט געווארן.

עס איז שוין א פאר יאר וואס אייסיס האט א פיליאלע וואס איז טעטיג אין עגיפטן, אבער אין די לעצטע פאר מאנאטן האבן די טעראריסטן פארשטארקט זייערע אטאקעס אויף קריסטליכע צילן.

ווי פארשטענדליך האט דער עגיפטישער פרעזידענט על-סיסי באלד פארדאמט די אטאקעס און האט פארארדענט צו כאפן און ארעסטירן אלע פאראנווארטליכע, ווי אויך טאן אלעס וואס איז מעגליך צו היילן די פארוואונדעטע, און האט אויך פארשפראכן אז די אטאקעס וועלן נישט אונטערגראבן די אנטשלאסענקייט און עכטן ווילן פון עגיפטישן פאלק צו באקעמפן די קרעפטן פון רשעות. סאלידאריטעט אויסדרוק פאר עגיפטן און פארדאמונגען אויף די אטקעס זענען געקומען פון איבעראל, און אפילו דער רוסישער פרעזידענט פוטין האט עס אויך פארדאמט.

ערשט פאריגע וואך האט דער עגיפטישער פרעזידענט באזוכט אין וואשינגטאן וואו פרעזידענט טראמפ האט באטאנט אמעריקע'ס שטיצע פאר עגיפטן. צווישן די טעמעס פון געמיינזאמע אינטערעסן וואס די 2 פרעזידענטן האבן באהאנדעלט, איז געווען טעראריזם בכלל און אייסיס בפרט.

א טאג פאר די איצטיגע אטאקעס, האט דער עגיפטישער פרעזידענט אויפגענומען אן אמעריקאנער קאנגרעסיאנאלע דעלעגאציע אנגעפירט פון דעם רעפובליקאנער קאנגרעסמאן דערעל אייסע, ביי וואס זיי האבן איבערגעשמועסט עגיפטנ'ס קאנטער-טעראריזם אקטיוויטעטן און מ'האט באהאנדעלט א סטראטעגיע ווי אזוי צו באקעמפן טעראר, און ערמוטיגן רעליגיעזן טאלעראנץ.

א לאקאלע אייסיס פיליאלע האט גענומען פאראנטווארטליכקייט פאר א זעלבסטמארד באמבארדירונג אין קאירא אין דעצעמבער, פון וואס ארום 30 זענען אומגעקומען, ווי אויך פון א צאל קלענערע מארד אנפאלן אין מדבר סיני, וואס האט געצווינגען הונדערטער קריסטן צו אנטלויפן צו מער פארזיכערטע פלעצער אין לאנד.

דער קאטוילישער פויבסט פרענציס האט אויך פארדאמט די טעראר אטאקעס. ער האט באשטימט א באזוך קיין עגיפטן אויף ענדע אפריל, וואו ער וועט זיך אויך טרעפן מיט'ן קאפטישן פויבסט. אין זיין פארדאמונג, האט פרענציס אויך גערעדט קעגן די וואס פראדוצירן און זענען טעטיג אין וואפן האנדעל.

פאריגע וואך האט דער פויבסט שטארק פארדאמט די כעמישע וואפן אטאקע אין סיריע, באצייכענענדיג עס ווי אן "אומאננעמבארן מאסן מארד" פון אומשולדיגע ציווילע מענטשן. דאס איז געווען פאר די אמעריקאנער נקמה באמבארדירונג, אויף וואס דער פויבסט האט נישט רעאגירט, וואס ווערט באטראכט ווי א שטילע צושטימונג פון אים, אין דער צייט ווען סיריע, רוסלאנד און איראן האבן דאס יא פארדאמט אלס אן אומלעגאלע אטאקע אויף סיריע. די צאל טויטע פון די כעמישע וואפן אטאקע האט שוין געהאלטן ביי 87 ענדע פאריגע וואך.